**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שטעלט פאר 14 מיליאן דאלאר וואס זענען צו באקומען צו פאראויס שטופן ערפינדונגען אין ריינע הייִדראָודזשען פארשונג, אנטוויקלונג און דעמאנסטראציע פראיעקטן**

***ערשטע רונדע שטעלט צו ביז 8 מיליאן דאלאר צו אדרעסירן שוועריגקייטן ביים אראפנעמען אינדוסטריאלע פראצעדורן פון קארבאן באנוץ און צו פאראויס שטופן ריינע הייִדראָודזשען פראדוקציע און עס צוזאמשטעלן מיט ריינע ענערגיע באנוץ***

***שטיצט ציהלן פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ צו רעדוצירן עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050 און צו האבן 100 פראצענט עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט ביז 2040***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א כמעט 14 מיליאן דאלארדיגע אינציאטיוו צו פאראויס שטופן ריינע הייִדראָודזשען פארשונג, אנטוויקלונג און דעמאנסטראציע ( research, development, and demonstration, RD&D) פראיעקטן. די ערשטע רונדע פינאנצירונג שטעלט צו ביז 8 מיליאן דאלאר פאר פראיעקטן וועלכע אדרעסירן די שוועריגקייטן ביים אראפנעמען אינדוסטריאלע פראצעדורן פון קארבאן באנוץ און צו פאראויס שטופן ריינע הייִדראָודזשען פראדוקציע און עס צוזאמשטעלן מיט ריינע ענערגיע באנוץ. די היינטיגע אנאנס שטיצט די ציהלן פון דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' (Climate Leadership and Community Protection Act, CLCPA) צו רעדוצירן עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050 און צו אריבערגיין מיט 100 פראצענט צו עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט ביז 2040.

"ניו יארק סטעיט שטייט אין שפיץ פונעם לאנד ביים פאראויס שטופן ריינע הייִדראָודזשען טעכנאלאגיעס און מיר זענען פארפליכטעט צו בלייבן אין פארנט אין די נייע אינדוסטריע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך אונזער שטיצע פאר נייע ערפינדונגען אין די הייִדראודזשען פעלד, באפעסטיגן מיר אונזער פירערשאפט פאזיציע ביים אנטוויקלען די אלטערנאטיווע ברענשטאף צו העלפן רעדוצירן עמיסיעס, שאפן די דזשאבס פון די צוקונפט אין אונזער סטעיט און פארזיכערן א געזונטע און שטאנדהאפטיגע ניו יארק פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

דורך די ערשטע רונדע זוכט די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) אפליקאנטן וועלכע וועלן באשטיין פון איינצלנע אדער צוזאמגעשטעלטע קערפערשאפטן וועלכע וועלן זיך פארמעסטן צו באקומען פינאנצירונג צו איבערקומען צוויי סארטן טעכנישע שוועריגקייטן: אריינרעכענענדיג זיך באנוצן מיט הייִדראודזשען צו אראפנעמען אינדוסטריאלע פראצעדורן פון קארבאן באנוץ און ריינע הייִדראָודזשען פראדוקציע און עס צוזאמשטעלן מיט ריינע ענערגיע באנוץ. פארשלאגן וועלן אנגענומען ווערן אונטער די פאלגנדע קאטעגאריעס:

**קאַטעגאָריע A: ערבייטבאַרקייט און פאָרשונג שטודיעס** – דורכפירן ערשטיגע פאָרשונג פון די קאָנצעפּטן אונטער נייע פּראָדוקטן, סיסטעמען, סטראַטעגיעס אָדער סערוויסעס אַלץ אַן ערשטע שטאַפּל פון אַנטוויקלונג וואָס איז נויטיג צו קענען צום סוף אַנטוויקלען אַ פּראָדוקט און עס אַרויפּלייגן אויפן מאַרקעט.

**קאַטעגאָריע B: פּראָדוקט אַנטוויקלונג** – שטופּט פאָראויס באַמיאונגען וועלכע זענען קריטיש פאַר די אַנטוויקלונג פון אַ טעכנאָלאָגישע פּראָדוקט, סיסטעם, סטראַטעגיע אָדער סערוויס וואָס קען פּאָרקויפט ווערן אויפן מאַרקעט, און סיי וועלכע טעסטס אָדער אויפווייזונגען פון אַן ערפינדונג וואָס איז נאָכנישט דאָ צו באַקומען אויפן מאַרקעט און וואָס קענען פירן דערצו אַז פּראָדוקטן וואָס ווערן מעניופעקטשערט אין ניו יאָרק סטעיט זאָלן אַרויפגיין אויפן מאַרקעט.

**קאַטעגאָריע C: 'פּיילאָט' און דעמאָנסטראַציע פּראָיעקטן** – דעמאָנסטרירן און טעסטן ניי-ערפינדענע טעכנאָלאָגיעס, סיסטעמען, סטראַטעגיעס אָדער סערוויסעס וואָס פאַרלאַנגען טעסטינג צו קענען אַרויפגעלייגט ווערן אויפן מאַרקעט — אָדער אַזעלכע וואָס זענען שוין דאָ צו באַקומען אויפן מאַרקעט אָבער זענען נאָכנישט געוואָרן אָנגענומען דורך די אינדוסטריע אָדער נאָכנישט געברענגט געוואָרן צום באַנוץ אויף אַ באַדייטנדן פאָרנעם אין ניו יאָרק סטעיט.

**קאַטעגאָריע D: פעדעראַלע מיטגעטיילטע קאָסטן פּראָיעקטן** – שטעלט צו פאַר ניו יאָרק-באַזירטע פירמעס פינאַנצירונג צו קענען אָנקומען צו די סומע וואָס איז פאַרלאַנגט פון אַ פירמע צו אַליין ביישטייערן כדי צו באַקומען געלט פון 'פאָרגעשריטענע פאָרשונג פּראָיעקטן אַגענטור-ענערגיע' ( Advanced Research Projects Agency-Energy, ARPA-E), פון די DOE, די פאַראייניגטע שטאַטן נאַציאָנאַלע לאַבאָראַטאָריע אָדער אַנדערע פעדעראַלע מקורות — פאַרגרעסערנדיג דערמיט די אויסזיכטן פון אַן ערפאָלגרייכע אַנטוויקלונג פון אַ טעכנאָלאָגיע דורך אַ פירמע און דאָס אַרויפלייגן אויפן מאַרקעט. פּראָיעקטן מוזן נאָכאַלץ זיין אַזעלכע וואָס אַדרעסירן די ספּעציפישע נושאים וואָס ווערן באַשטימט פאַר יעדע רונדע.

[אַפּליקאַציעס](#) פאַר די ערשטע רונדע וועלן אָנגענומען ווערן ביז 3:00 נאָכמיטאָג, אָקטאָבער 23, 2023. פאַר נאָך אינפאָרמאַציע און פאַרבינדענע דאָקומענטן באַזוכט די NYSERDA'ס וועבזייטל [דאָ](#).

די צווייטע רונדע – ערוואַרטעט זיך צו עפענען שפּעטער היי יאָר מיט ביז אַזויפיל ווי 5.8 מיליאָן דאָלאַר צו פּאַרטייִלן – וועט אַרויפבויען אויף די ערשטע רונדע מיט דריי נייע סאָרטן טעכנישע שוועריגקייטן וועלכע וועלן אַריינרעכענען דאָס פאַרמינערן נייטראָודזשען אָקסייד (NOx) עמיסיעס ביים פאַרברענען הייִדראָודזשען, הייִדראָודזשען סטאָרעדזש טעכנאָלאָגיעס און הייִדראָודזשען-באַזירטע אויפטרייבונג סיסטעמען פאַר 'מייקראָו-גרידס' און גריד שטיצנדע סיסטעמען.

**NYSERDA פּרעזידענט און CEO און אַ פאָרזיצערין פון די קלימאַט שריט קאָונסיל, דאָרין מ. העריס, האָט געזאָגט**, "ניו יאָרק פּלעגט אַ ריינע-הייִדראָודזשען אינדוסטריע וואָס שטיצט אונזערע עמיסיעס רעדוקציע ציהלן בשעת'ן פאָראויס שטופּן די טעכנאָלאָגיע וואָס איז נויטיג צו פאַרגרעסערן די פאָרנעם פון די וואַקסנדע און איינפלוסרייכע מיטל. יעדער פּראָיעקט וואָס וועט באַקומען אַ גרענט וועט ווערן אַ טייל פון די סטעיט'ס ברייטע פּלאַן צו שטיצן דאָס גוט באַטראַכטן הייִדראָודזשען אַלץ אַן ענערגיע קוואַל בשעת'ן פאָראויס שטופּן די אַנטוויקלונג פון אַ פאַרבינדענע נעטוואָרק פון פּראָיעקטן אַריבער די סטעיט – אָנגעהויבן פון פּראָדוקציע און מעניופעקטשורינג ביז די ענדע באַנוץ – וואָס וועלן פאַרמערן דזשאָבּ געלעגנהייטן, רעדוצירן די אָפּהענגיגקייט אויף פאָסיל ברענשטאָף און אונז העלפן בעסער אַרויפברענגען ריינע ענערגיע אויפן גריד."

די נייע פינאנצירונג וועט גיין האנט ביי האנט מיט ניו יארק סטעיט'ס אלגעמיינע אנאנס איבער א ריינע הײדראָודזשען אינדוסטריע וואס רעכנט אריין אן אנאנס אין מאי איבער פינאנצירונג קאנצענטרירט אויף דאס צושטעלן געלטער פאר פראיעקטן וועלכע דארפן אנקומען צו א געוויסע סומע וואס זיי ביישטייערן אליין כדי צו קענען אפלייען פאר פעדעראלע ריינע הײדראָודזשען פינאנצירונג געלעגנהייטן און פאר די 'צפון-מזרח ראיאנישע ריינע הײדראָודזשען צענטער' ( Northeast Regional Clean Hydrogen Hub, NE Hub) אינציאטיוו. אין די צייט וואס די NE Hub אריינגעגעבענע פארשלאג קאנצעטרירט זיך אויף דאס אריינברענגען ריינע הײדראָודזשען אין באנוץ אריבער די ברייטערע צפון-מזרח ראיאן, וועט די אינציאטיוו וואס איז היינט אנאנסירט געווארן ספעציפיש פינאנצירן RD&D באמיאונגען וועלכע זענען די מערסטע וויכטיג און קריטיש צו פאראויס שטופן אן עקאנאמיע פון ריינע הײדראָודזשען אין ניו יארק און צו שטיצן דאס עררייכונג פון די קלימאט געזעץ ציהלן. פראיעקטן וועלכע וועלן באקומען גרענטס וועלן אויספלאסטערן די וועג פאר צוקונפטיגע באנוץ פון הײדראָודזשען צענטער פראיעקטן און זיי וועלן פארשטערקערן די ראיאנישע הײדראָודזשען סטראטעגיע וואס איז פארגעלייגט געווארן דורך די NE Hub שותפות'דיגע סטיטס וועלכע רעכענען אריין ניו יארק, קאנעטיקוט, מעין, מעסעטשוסטעס, ניו דזשערסי, ראָוד איילענד און ווערמאנט, און איבער 100 הײדראָודזשען אינדוסטריע שותפים. די גרופע'ס געמיינזאמע פארשלאג איז [אריינגעגעבן](#) געווארן צו די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפּארטמענט (Department of Energy, DOE) אין אנהויב אפריל פאר פינאנצירונג פון א הײדראָודזשען צענטער און צו דעזיגנירט ווערן אלץ א ראיאנישע צענטער – אדער 'האָב' – אונטער דעם פעדעראלן אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ (Infrastructure and Jobs Act). די DOE'ס באשלוס איז ערווארטעט צו אנקומען אין הערבסט פון 2023.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation) קאמישאנער און א פארזיצער פון די קלימאט שריט קאונסיל, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "די באדייטנדע אינוועסטירונג וואס איז היינט אנאנסירט געווארן צו שטיצן הײדראודזשען פארשונג און ערפינדונגען שטופט פאראויס ניו יארק'ס באמיאונגען צו רעדוצירן פאַסיל ברענשטאף באנוץ אלץ טייל פון אונזער אמביציעזע קלימאט אגענדע. די ריינע הײדראָודזשען פראיעקטן וועלכע וועלן געשטיצט ווערן דורך די פינאנצירונג וועלן העלפן ניו יארק'ס אריבערגאנג צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע מארגן און העלפן נאכקומען די סטעיט'ס אגרעסיווע קלימאט ציהלן צו פארזיכערן א ריינערע, גרינערע סביבה פאר צוקונפטיגע דורות."

**אסעמבלי מיטגלידערין דידי בארעט האט געזאגט,** "אלטערנאטיווע סארטן ברענשטאף ווי ריינע הײדראָודזשען וועלן זיין קריטיש ביים עררייכן אונזערע קלימאט ציהלן בשעת'ן פארזיכערן אנגייענדע ענערגיע פארלעסליכקייט. די נייע אינציאטיוו וועט העלפן אדרעסירן די שוועריגקייטן ביים אראפנעמען אינדוסטריאלע פראצעדורן פון קארבאן באנוץ און פאראויס שטופן ריינע הײדראָודזשען פראדוקציע אין פעלדער וועלכע וועלן זיין שווער – אויב נישט אוממעגליך – צו אריבערפירן צו עלעקטריציטעט באנוץ."

**טאמאס קאָוק בלענק, RMI מענעדזשינג דירעקטאר פון Climate Aligned Industries, האט געזאגט,** "די IRA באנוצט זיך מיט א פרעצעדענטלאזע שטאפל פון מיטלען הונטער די אנטוויקלונג פון גרינע הײדראודזשען פראיעקטן, אבער עטליכע אנדערע שטיצנדע מיטלען פעלן אויס צו אקטיוויזירן די מארקעט. די NYSERDA אינציאטיוו איז גענוי די סארט סטעיט-שטאפל שטיצע וואס איז נויטיג צו ערגענצן פעדעראלע רייץ מאסנאמען און העלפן ווייטער אונטערשטיצן די הײדראודזשען עקאנאמיע."

די אינציאטיוו וואס איז היינט אנאנסירט געווארן איז אנטוויקלט געווארן צוזאמען מיט די [קלימאט שריט קאונסיל'ס פארנעם ('סקאָופינג') פלאן](#) וואס איז באשטעטיגט געווארן אין דעצעמבער פון 2022 וואס אידענטיפיצירט סטראטעגישע באנוץ מיט ברענשטאף וואס איז נידעריג אין קארבאן ווי צום ביישפיל ריינע הײדראָודזשען אלץ א וויכטיגע מיטל צו אראפנעמען פון קארבאן אזעלכע אינדוסטריעס וועלכע זענען שווער צו אריבערגעפירט ווערן צו עלעקטריציטעט. אין צוגאב זענען די מיינונגען פון פארמישטע

קערפערשאפטן אין ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט און אין שוואכערע קאמיוניטיס גענומען ווערן אין באטראכט און האבן געשפילט א הויפט ראלע ביים אויספארעמען די זאכן אויף וואס אפליקאציעס וועלן אנגענומען ווערן.

די אנאנס בויט ארויף אויף ניו יארק סטעיט'ס אינוועסטירונגען אין פארשונג, אנטוויקלונג און צו אריינברענגען נייע פראדוקטן אויפן מארקעט צו שטיצן ערפינדער וועלכע פארשנעלערן די נייע טעכנאלאגיעס צו אראפנידערן עמיסיעס און באערדיגן קארבאן וועלכע זענען נויטיג צו קענען נאכקומען די סטעיט'ס ציהל צו אנקומען צו א פולשטענדיג קארבאן-באלאנסירטע עקאנאמיע. NYSERDA'ס ערפינדונג פראגראם גיבט אויס 800 מיליאן דאלאר איבער א צייט אפשניט פון 10 יאר אלץ דירעקטע אינוועסטירונגען דורך גרענטס און דורך שטיצע פאר אלעס ארום און ארום ביים ארויפברענגען נייע פראדוקטן אויפן מארקעט. מער פון 680 מיליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונגען און 200 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג געלטער פאר פראיעקטן זענען שוין ערמעגליכט געווארן און מער פון 450 נייע ריינע ענערגיע פראדוקטן זענען ארויפגעברענגט געווארן אויפן מארקעט אלץ רעזולטאט פון די NYSERDA'ס אינוועסטירונגען אין טעכנאלאגיע און אין ביזנעס אנטוויקלונג, אריינרעכענענדיג LED באלייכטונג סיסטעמען, היים אפלייענסעס, באטעריעס וואס האלטן אן לענגער, און מער שפארזאמע הייצונג און קילונג סיסטעמען.

פינאנצירונג פאר די אינציאטיוו קומט פון די סטעיט'ס 10-יעריגע, 6 ביליאן דאלארדיגע 'ריינע ענערגיע קאסע' (Clean Energy Fund). מער אינפארמאציע איבער די פינאנצירונג איז פארעפנטליכט אויף NYSERDA'ס וועבזייטל דא.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו ערגרייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418